**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 6/6/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט די 2023 ניו יארק סטעיט 'ראיאנישע געלעגנהייטן עקספּאָו סעריע' פאר ביזנעסער אין אייגנטום פון מינאריטעטן און פרויען**

***באגעגענישן צו פארשטארקן ביזנעסער אין אייגנטום פון מינאריטעטן און פרויען צו אויפבויען קשרים און זיך צו פארמעסטן פאר סטעיט קאנטראקטן***

***אינפארמאציע און רעגיסטראציע געפונען זיך [דא]()***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז ניו יארק סטעיט וועט אפהאלטן דריי פראגראמען אלץ טייל פון די 2023 ניו יארק סטעיט 'ראיאנישע געלעגנהייטן עקספּאָו סעריע' ( Regional Opportunities Expo Series) פאר ביזנעסער אין אייגנטום פון מינאריטעטן און פרויען (-Minority and Women Owned Business Enterprise, MWBE). די עקספּאָוס – וועלכע וועלן פארבינדן ביזנעסער אין אייגנטום פון מינאריטעטן און פרויען מיט ניו יארקע אגענטורן און אויטאריטעטן, הילף פון עקספערטן, אינפארמאציע איבער סטעיט פראיעקטן און מיטלען צו באקומען געלעגנהייטן פאר סטעיט קאנטראקטן – וועלן פארקומען אין ברוקלין אום יוני 20, אין סירעקיוס אום יוני 28 און אין באפעלאו אום יולי 13.

"ניו יארק באקומט שטארקייט פון איר פארשידנארטיגקייט, און עס איז א פריאריטעט פאר מיין אדמיניסטראציע צו זיכער מאכן אז ביזנעסער פון יעדע ווינקל פון אונזער סטעיט ווערן געגעבן א געלעגנהייט צו בליהען," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "דורך די אינפארמאטיווע פראגראמען שאפן מיר מאכטפולע קשרים סיי צווישן MWBE'ס איינע מיט די אנדערע און סיי צווישן MWBE'ס און די סטעיט רעגירונג, צושטעלנדיג פאר די ביזנעסער די וויכטיגע מיטלען און קשרים וואס זענען נויטיג צו קענען מצליח זיין."

די 2023 ניו יארק סטעיט MWBE ראיאנישע געלעגנהייטן עקספּאָו סעריע, געספאנסארט דורך עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט'ס (Empire State Development, ESD) [דיוויזיע פאר אנטוויקלונג פון מינאריטעט און פרויען ביזנעסער (Division of Minority and Women's Business Development)](), וועט גיבן פאר MWBE'ס די מיטלען וועלכע זענען נויטיג זיך צו קענען ערפאלגרייך פארזיכערן קאנטראקטן מיט די סטעיט דורך לעבעדיגע סעסיעס, שפאנענדע פאנעל שמועסן און ווארקשאַפּס וויאזוי צו אויפבויען קאפאציטעט. דורכן איינשפאנען די וויסנשאפט וואס ווערט מיטגעטיילט דורך עקספערטן אין די אינדוסטריע און דורכן פארבינדן ווערן דירעקט מיט די בעאמטע וועלכע זענען אחריות אויף צו איינקויפן פראדוקטן און סערוויסעס פאר די רעגירונג, וועלן MWBE'ס זיך איינהאנדלען א רייכטום פון פארשטאנד, סטראטעגישע הדרכה און שאצבארע קשרים.

די עקספּאָוס וועלן אויך אריינרעכענען אינפארמאציע איבער סטעיט-געספאנסארטע פינאנציעלע און טעכנישע הילף פראגראמען, אריינרעכענענדיג דעם [MWBE ביזנעס וואוקס פארשנעלערונג פראגראם (Business Growth Accelerator Program)](), די [MWBE בריק צו ערפאלג הלוואה פראגראם]()

(Bridge to Success Loan Program) און די ניו יארק סטעיט קליינע ביזנעס קרעדיט אינציאטיוו (Small Business Credit Initiative). צווישן די קערפערשאפטן וועלכע וועלן האבן אויסשטעלונגען געפונען זיך די ניו יארק פּאווער אויטאריטעט, די דארמיטארי אויטאריטעט פון ניו יארק סטעיט, די ניו יארק סטעיט העלט דעפּארטמענט, די ניו יארק סטעיט טרו-וועי אויטאריטעט, די סיטי אוניווערסיטעט פון ניו יארק, די סטעיט אוניווערסיטעט פון ניו יארק, די ניו יארק סטעיט טראנספּארטאציע דעפּארטמענט, די ניו יארק סטעיט סטעיט דעפּארטמענט, די ניו יארק סטעיט דעפּארטמענט פון אגריקולטור און מארקעטס ווי אויך אנדערע סטעיט טראנספּארטאציע, קאנסטרוקציע און עדזשוקעישען אגענטורן און אויטאריטעטן — קומענדיגע מיט ביליאנען דאלארן ווערט פון געלעגנהייטן.

**עמפּייער סטעיט דעוועלאפּמענט פרעזידענט, CEO און קאמישאנער, האָופּ נייט, האט געזאגט,** "יושר און גלייכקייט זענען אין די הארץ פון א בליהענדע עקאנאמיע, און אין די עמפּייער סטעיט שטייען מיר פעלזן פעסט מיט אונזער פארפליכטונג צו גיבן א גלייכע געלעגנהייט פאר MWBE'ס. דורכן פארזיכערן אז די ביזנעסער באקומען א גלייכע געלעגנהייט צו קאנקורירן פאר קאנטראקטן מיט די ניו יארק סטעיט רעגירונג, קענען מיר אויסנוצן די גרעניצאזע פּאטענציאל פון אונזער פארשידנארטיגע ביזנעס קאמיוניטי."

**ניו יארק סטעיט טשיעף דייווערסיטי אפיסער, דזשוּליסע גוּטיערעז, האט געזאגט,** "די הארץ קלאפּ פון ניו יארק'ס עקאנאמישע מאטאר ווערט געטריבן דורך די שעפערישקייט און אנטשלאסנקייט פון MWBE'ס. מיר מוזן ארבעטן צו האבן אן אטמאספערע וואו יעדע ביזנעס, אפגעזעהן פון די גרויסקייט אדער הונטערגרונט, קען האבן א גלייכע געלעגנהייט צו קאנקורירן פאר סטעיט קאנטראקטן. די MWBE ראיאנישע געלעגנהייטן עקספּאָ סעריע וועט העלפן MWBE'ס זיך צו פאראויס רוקן אויף א וועג פון וואוקס און הצלחה."

**עמפּייער סטעיט דעוועלאפּמענט דיוויזיע פון מינאריטעטן און פרויען ביזנעסער אנטוויקלונג עקזעקיוטיוו דירעקטאר, דזשעיסאן מיילס קלאַרק, האט געזאגט,** "די וואוקס פון MWBE'ס איז נישט בלויז קריטיש פאר איינצלנע ביזנעסער, נאר אויך פאר די הצלחה פון אונזער סטעיט'ס עקאנאמיע. דורכן פארגרעסער די צוטריט צו ניו יארק סטעיט קאנטראקטן פאר MWBE'ס, אינוועסטירן מיר אין די עקאנאמישע לעבהאפט פון די עמפּייער סטעיט."

פארמערן דאס זיך באנוצן מיט MWBE פירמעס אין סטעיט קאנטראקטן איז א צענטראלע ציהל פון ניו יארק'ס MWBE פראגראם, וואס זוכט צו איינשפּאנען די פולע פּאטענציאל פון MWBE'ס און וועלכער טרייבט פאר גלייכע עקאנאמישע וואוקס אריבער די סטעיט. דורכאויס די פיסקאלע יאר 2022 האט גאווערנער האקול אנאנסירט אז ניו יארק סטעיט איז איבערגעשטיגן איר אפיציעלע ציהל פון זיך באנוצן מיט אזעלכע ביזנעסער מיט 30.64 פראצענט — די מערסטע אין די גאנצע לאנד. קרוב צו 3 ביליאן דאלאר אין סטעיט קאנטראקטן זענען געשאנקען געווארן פאר MWBE פירמעס אין די זעלבע תקופה, און מער פון 24 ביליאן דאלאר אין סטעיט קאנטראקטן זענען געשאנקען געווארן פאר MWBE'ס זינט 2011. ניו יארק סטעיט האט איבער 9,800 פירמעס וועלכע זענען סערטיפייד אלץ אן MWBE אין אירע ליסטעס.

די MWBE 2023 ראיאנישע געלעגנהייטן עקספּאָ סעריע הויבט זיך אן אין ניו יארק סיטי אום דינסטאג, יוני 20, און עס וועט אנגיין דורכאויס גאנץ יולי. די פראגראמען זענען אינגאנצן אומזיסט פאר רעגיסטרירטע באטייליגטע און זיי וועלן אפגעהאלטן ווערן פנים אל פנים. עקספּאָ הויכפונקטן און וויאזוי זיך צו רעגיסטרירן:

- **לאקאלע פראיעקט פרעזענטאציעס** דורך ניו יארק סטעיט אגענטורן און אויטאריטעטן און הויפט קאנטראקטארס אריינרעכענענדיג גרענט געווינער. איר וועט אויך לערנען מער איבער די פארנעם פון ארבעט פאר דעם פראיעקט און וויאזוי אייער ביזנעס קען אויסדרוקן אינטערעסע.
- **נעטווארקינג** מיט מערערע ניו יארק סטעיט אגענטורן און אויטאריטעטן און הויפט פירמעס/ארגאניזאציעס. אייער ביזנעס קען שאפן קשרים אויפן פלאץ, מיטטיילן איינצלהייטן איבער אייערע סערוויסעס/פראדוקטן און פרעגן פראגן.
- **ווארקשאַפּס** וועלכע דעקן טעמעס אריינרעכענענדיג צוטריט צו אינוועסטירונג געלטער און הלוואות פאר אייער ביזנעס.

| |
|---|
| **ברוקלין - MWBE ראיאנישע געלעגנהייטן עקספאָו**<br>**דינסטאג, יוני 20, 2023**<br>**רעגיסטרירט זיך דא** |
| **סירעקיוס - MWBE ראיאנישע געלעגנהייטן עקספאָו**<br>**מיטוואך, יוני 28, 2023**<br>**רעגיסטרירט זיך דא** |
| **באפעלאו - MWBE ראיאנישע געלעגנהייטן עקספאָו**<br>**דאנערשטאג, יולי 13, 2023**<br>**רעגיסטרירט זיך דא** |

###


נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418



זיך ארויסשרייבן